

# זומער EBT עסן בענעפיטן

## לערן וויאזוי ניו יארק'ס זומער EBT פראגראם קען העלפן פיטערן קינדער דעם זומער!

די זומער עלעקטראנישע בענעפיט טרענספער (EBT) פראגראם וועט העלפן פאמיליעס קויפן עסן פאר זייער שולע-עלטער קינדער דורכאויס די זומער. פאמיליעס וועלן באקומען **120$** אין עסן בענעפיטן פאר יעדע בארעכטיגטע קינד.

בארעכטיגטע קינדער באקומען זומער EBT עסן בענעפיטן אויף אן EBT קארטל. פאמיליעס קענען נוצן זייער זומער EBT עסן בענעפיטן צו קויפן עסנווארג א שטייגער ווי פרוכט, גרינצייג, פלייש, האול גרעינס און מילכיגס ביי **אטאריזירטע ריטעיל עסנווארג געשעפטן, פארמערס מארקעטס**, און איבעראל וואו SNAP ווערט אנגענומען.

רוב קינדער וועלן אוטאמאטיש זיין בארעכטיגט פאר זומער EBT און דארפן גארנישט טוהן זיך איינצושרייבן. פונדעסטוועגן, עטליכע קינדער וועלן זיך מעגליך דארפן איינשרייבן. געבט זיך אן אנליין ביז סעפטעמבער 4, פאר 2025 בענעפיטן.

### אטאמאטיש איינגעשריבן:

- די קינד איז צווישן 6 און 16 יאר אלט און האט באקומען SNAP, צייטווייליגע הילף אדער מעדיקעיד אין יעדע צייט אין די צייט אפשניט פון בארעכטיגקייט.

**אדער**

- די קינד איז דירעקט בארעכטיגט געווארן דורך זייער שולע פאר אומזיסטע/רעדוצירטע-פרייז מאלצייטן דורך די נאציאנאלע שולע מיטאג פראגראם דורכאויס די 2024-25 שולע יאר.
- **אטאמאטיש איינגעשריבענע קינדער מוזן זיך נישט אנגעבן.**

### מוז זיך איינצוגעבן:

- דאס קינד איז נישט אטאמאטיש איינגעשריבן,

**און**

- די הויזגעזינד קומט נאך די **איינקונפט פאדערונגען** פאר אומזיסטע/רעדוצירטע-פרייז שולע מאלצייטן,

**און**

- די קינד גייט אין א שולע וואס נעמט אנטייל אין די נאציאנאלע שולע מיטאג פראגראם,
- די אנליין אפליקאציע איז צו באקומען אויף **SummerEBT.ny.gov**

נישט גענוצטע זומער EBT בענעפיטן לויפן אפ און ווערן ארפאגענומען פון די EBT קארטל 122 טעג נאך די דאטום וואס זיי זענען געגעבן געווארן. פאמיליעס זאלן נוצן זייערע בענעפיטן גלייך נאך וואס זיי זענען באקומען געווארן.

די צייט אפשניט פאר בארעכטיגטקייט איז יולי 1, 2024, ביז סעפטעמבער 4, 2025. צו לערנען מער איבער זומער EBT, אריינגערעכנט ווען און וויאזוי עסן בענעפיטן וועלן געגעבן ווערן און וויאזוי עס צו נוצן, באזוכט **otda.ny.gov/SummerEBT**.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט:
**otda.ny.gov/SummerEBT**

NEW YORK STATE | Office of Temporary and Disability Assistance
Summer EBT

(4/25) Pub-5295-YI